43. אין גאַנצן אַ צענדליק,
צו ציילן אויף פֿינגער.
עס בײַסן די ציגן
די דעכער פֿאַר הונגער.

44. און שטיל ווי אַ קבֿרות,
מענטשן ווי מתים.
קיין גאווה, קיין תּאווה,
מע לעבט פֿון תּעניתים...

45. קיין חסידים, קיין דײַטשן —
האָט תּורה אַ קיום,
וואַקסן רבנים,
מע פֿאַשעט עילויִם...

46. צינד וואַקסט נאָך אַ גאון
וואָס וועט נאָך פֿאַרשעמען
גאַנץ פּוילן און ליטע,
און זאַמוט און בעמען!

47. און לאָזסטו אים וואַקסן,
און לאָזסטו אים פֿרײַ,
ביסטו — חלילה! —
הוד מלכות, פֿאַרבײַ!

48. האָסטו פֿאַרלוירן
גאַנץ פּוילן און ליטע...
איז — חס ושלום! —
אַן עק פֿון נישט-גוטע,

49. וועט ער אונדז יאָגן
מיט שרעקלעכן האַס,
און ברענגען משיחן —
חלילה וחס!"

50. דער ימח-שמו
ווי ר'האָט עס דערהערט,
איז אים די שׂמחה
געוואָרן געשטערט.

51. ליגט ער און טראַכט,
טאָג אַזוי נאַכט,
און רײַבט זיך, און רינצלט דעם שטערן:
— „גוואַלד! לילית קרוין!
אַן עצה גיב! שוין!
אַזוינס קען די וועלט איבערקערן!"

52. — „די נוס איז האַרט!
נאַר, מײַן מאַן, וואַרט.
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין.
נצחון איז זיס!
גרייט אַן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אַליין."

* * *

53. אַ, גאָט, האָב רחמנות,
זײַ זוכן נקמה!
האַלט, ייִדן, תּענית
פֿאַר דער נשמה!

54. עס שווינדלען די אויגן,
הייס ווערט און קאַלט...
זי הענגט אויף אַ הערל,
אָט, אָט, אָט, זי פֿאַלט!

55. אָט פֿאַלט פֿונעם הימל
אַ ליכטיקער שטערן;
אָט וועט אין גיהנום
אַ שׂמחה שוין ווערן!

ג.

56. טראַ-ראַ-ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
צי האָט נישט דאָרט עמעץ
משיחן געזען?

57. ווען בלאָזט מען שופֿר?
דאָך אלול, נישט תּמוז!
צי איז ער משוגע
געוואָרן דער שמש?

58. וואָס בלאָזט עס און פּײַפֿט,
וואָס דונערט און קנאַלט?
צי פּלאַצן די דעמבעס
און סאָסנעס אין וואַלד?

59. עס פּײַפֿט און עס קנאַלט,
עס זעצט און עס קנאַקט...
עס יאָגט אַן עקסטראַ
פּאָסט פֿון טראַקט!

60. אַך, ווער האָט אַזאַ
קלינגען געהערט?
ווער האָט געזען אַזוי
פֿליִען פֿיר פֿערד?

61. עס קלינגען די גלעקלעך
וואָס אַ מאָל פֿרײַער.
עס שפּריצן די פּאַדקאָוועס
פֿונקען און פֿײַער.

62. עס שלענגלט זיך, קנאַקט
אָן רחמים די בײַטש.
מען שטייט מיט אָפֿענע
מײַלער: — וואָס טײַטש?

63. צוזען דעם וווּנדער
זײַנען אַרויס
קראַנקע פֿון בעטן,
לומדים פֿון קלויז,

64. קינדער פֿון חדר —
איינס אין דער מיט,
אין האַנט די תּחתּונים
פֿון אונטער דער רוט.

65. דאָרט לויפֿט אַ שוחט
בלייך ווי די וואַנט,
אַ נישט־דערקוילעטער
האָן אין דער האַנט.

66. ער האָט אין מיטן
דאָס פּײַפֿן דערהערט
און — במקום דעם האָן —
דעם חלף אויף דר׳ערד

67. און פֿליט אויפֿן רבֿל
אַרויף ווי אַ קויל
אַרײַן מיטן חוטם
אין אָפֿענעם מויל!

68. און דאָ לויפֿט אַ טויבע
און ברעכט זיך די הענט:
— „שרײַט, ייִדן, העכער!
ייִדן, ווו ברענט?"

* * *

69. אויסגעלאָזט האָט זיך
די מעשׂה גאָר פּראָסט:
אַ דײַטש איז געקומען
פֿון דאַנציג מיט פּאָסט!

70. מיטגעבראַכט האָט ער
גאָר אוצרות מיט געלט.
גיין ווערט אַ מיסחר,
זײַן ווערט אַ וועלט!

71. און גאָט האָט דאָס שטעטל
מיט מחיה באַגליקט,
ער האָט זיי פֿון הימל
אַן אוצר געשיקט.

72. עס האַנדלט דאָס דײַטשל
מיט כּלערליי תּבֿואות,
און צאָלט אַלץ אין באַרן
און מאַכט נישט קיין שהיות!

73. אַלץ ווערט מיט גאָלדענע
ר׳ענדלעך געוויגן,
און ייִדן ווערט פֿריילעך
און ליכטיק אין ד׳אויגן!